ד. כרגיל צו לערנען אן ענין אין פרש"י על התורה, וועט מען זיך אפשטעלן אויף א פרש"י אין קאפיטל א' פסוק טז-יז. וואס דארטן זאגט רש"י א פירוש וואס דאס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: א) מאי קמ"ל, ב) פון וואנעט נעמט רש"י משנה זיין פון דעם וואס ס'שטייט אין פסוק. מפרשים שטעלן זיך טאקע אויף דערויף, אבער זייער פירוש איז אינגאנצן ניט ע"ד הפשט.

אין דעם פסוק "אלה קרואי העדה נשיאי מטות אבותם ראשי אלפי ישראל הם", איז רש"י מעתיק די ווערטער "אלה קרואי העדה", און זאגט "הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה", איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק כנ"ל צוליב וואס

- דארף -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

דארף רש"י מפרש זיין "הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה", דאס איז דאך פארשטאנדיק פון דעם פסוק אליין?

מפרשים (רא"ם) ווילן זאגן אז רש"י קומט דא זאגן אז דער פירוש פון קרואי העדה איז ניט אז זיי רופן צוזאמען די עדה, נאר קרואי העדה מיינט "הנקראים" – אז מ׳רופט זיי לכל דבר חשיבות שבעדה.

ס׳איז אבער ניט פארשטאנדיק: א) לפי"ז האט רש"י געדארפט ברענגען פון פסוק נאר דעם ווארט "קרואי", און אפטייטשן "הנקראים וכו׳", צוליב וואס איז רש"י מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "אלה (קרואי) העדה"? ב) פארוואס זאל מען טאקע ניט זאגן אין פשש"מ אז קרואי מיינט אז זיי רופן צוזאמען די עדה, לכאו׳ אין פשש"מ קען מען טאקע אזוי זאגן, ואדרבה, ווי די מפרשים זאגן אז דאס איז גאר די סברא הראשונה, ווארום וויבאלד אז דא רעדט זיך וועגן ציילן אידן, האט דער אויבערשטער געזאגט אז מ׳זאל נעמען אויך די נשיאים, ווארום זיי זיינען די וואס רופן צוזאמען די עדה, איז אויב מ׳זאל זאגן אז רש"י קומט שולל זיין דעם פירוש, איז ניט פארשטאנדיק פארוואס איז ער דאס טאקע שולל, לכאו׳ קומט אזוי אויס אין פשש"מ?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אין דעם צווייטן פסוק אויף די ווערטער "האנשים האלה", און זאגט "את שנים עשר נשיאים הללו". וואס אויך דא איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס דארף רש"י זאגן את שנים עשר נשיאים הללו, ס׳איז דאך מעצמו מובן אז האנשים הללו מיינט אט די וואס מ׳רעדט וועגן זיי?

מפרשים (רא"ם) ווילן זאגן אז רש"י דארף זאגן "את שנים עשר נשיאים הללו" ווארום אויב ניט וואלט מען געקענט מיינען אז משה האט גענומען אנדערע מענטשן. ס׳איז אבער אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: בשעת א בן חמש למקרא אדער אפי׳ א בן עשר למשנה לערנט אין פסוק אז דער אויבערשטער האט געזאגט מ׳זאל נעמען די נשיאים, און ער האט אויסגערעכנט זייערע נעמען, דערנאך זאגט ער "ויקח משה ואהרן את האנשים האלה", איז דאך פארשטאנדיק אז מ׳מיינט אט די שנים עשר און ניט קיין אנדערע, ווען ס׳וואלט שטיין נשיאים סתם, וואלט מען געקענט זאגן אז אפשר איז געווען אנדערע נשיאים און זיי מיינט מען, אבער בשעת מ׳רעכנט אויס זייערע נעמען, איז דאך פארשטאנדיק אפי׳ אן פרש"י אז מ׳מיינט די און ניט אנדערע, פארוואס זאל איינפאלן זאגן אז מ׳מיינט אנדערע?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויפן פסוק "אשר נקבו בשמות", און טייטשט אפ "אשר נקבו לו כאן בשמות". וואס אין דערויף איז אויך ניט פארשטאנדיק: א) וואס איז רש"י מדייק מיטן צולייגן (אשר נקבו) <u>לו</u>?; ב) וואס איז ער מדייק <u>כאן</u>?

און די שאלה הכללית אין דערויף איז כאמור, וואס איז שווער אין דעם פסוק וואס דערפאר דארף רש"י זאגן זיין פירוש. וכפי שיתבאר לקמן אז דאס דארף זיין פארשטאנדיק בפשטות צו א בן חמש למקרא, און מ׳דארף ניט אנקומען צו אנדערע פירושים.

ה. בנוגע צו פרש"י, איז דא א קלאץ קשיא וואס רש"י קומט איר פארענטפערן בפירושו, וכרגיל אז אויף א קלאץ קשיא שטעלט מען זיך ניט, אבער רש"י באווארנט דאס דורך זיין פירוש, ער ברענגט אפי' ניט די קושיא, נאר ער זאגט זיין פירוש, וואס רעמולט פאלט אראפ די קושיא בדרך ממילא.

וואס די קושיא איז: דער בן חמש למקרא ווייסט שוין פון פריער אז יעדער ענין וואס ס'שטייט אין תורה איז דאס ניט איבעריק ח"ו, נאר מ'לערנט דערפון, ביז אז מ'לערנט אפי' פון אן אות וכו', איז בשעת ער לערנט אט די פרשה אז דער אויבערשטער האט געהייסן אז משה ואהרן זאלן ציילן די אידן, און ואתכם יהיו איש איש למטה - אויך די נשיאים, און דערנאך דעכנט מען זייערע נעמען, ווייסט מען שוין אלץ, איז דאך ניט פארשטאנדיק צוליב וואס זאגט דער פסוק "אלה קרואי העדה וגו'", עד"ז צוליב וואס זאגט דער פסוק "ויקח משה ואהרן את האנשים האלה אשר נקבו בשמות", ס'איז דאך פארשטאנדיק אז זיי האבן געטאן אט דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי געהייסן; און אפי' אויב מ'וועט זאגן אז דער פסוק וויל זאגן אז משה ואהרן האבן אזוי געטאן, איז צוליב וואס דארף שטיין "אשר נקבו בשמות"?

דורך זיין פירוש פארענטפערט רש"י נאך א קושיא: לכאו' איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס האט מען גענומען די נשיאים פון אלע שבטים אויף ציילן אידן, וואס פאר א שייכות האבן די נשיאים צו דעם ענין פון מנין בנ"י?

דאס וואס משה דארף ציילן אידן איז פארשטאנדיק, ווארום ער איז דאך געוועזן דער מנהיג פון אלע אידן, דארף ער זיי ציילן, עד"ז אהרן איז געוועזן דער כה"ג פון אלע אידן דארף ער זיי ציילן - משה קען דאס טאקע אליין טאן, אבער מ'געפינט דאך כו"כ פעמים אז משה האט געטאן אן ענין צוזאמען מיט אהר'ן, אבער בנוגע צו די נשיאים, איז ניט פארשטאנדיק וואס פאר א שייכות האבן זיי צו מנין כל בנ"י; ווען מ'וואלט געזאגט אז בשעת מ'ציילט שבט ראובן דארף מען האבן דעם נשיא פון ראובן, און ווען מ'ציילט שבט שמעון דארף מען האבן דעם נשיא פון שמעון, וואלט זיין פארשטאנדיק, ווארום מפני הכבוד, אדער כדי אז בשעת ס'וועט ווערן א שאלה אויף איינעם צי ער באלאנגט צו דעם שבט צי ניט, וועט מען פרעגןביים נשיא פון דעם שבט, דארף מען דערפאר האבן דעם נשיא אויפן מנין פון זיין שבט, אבער אויף וואס דארף מען האבן דעם נשיא ראובן צום מנין פון שבט שמעון וכו'?

די קושיא ווערט נאך שטארקער, בשעת מ'לערנט ווייטער (אין די פרשה) וועגן דעם מנין פון שבט לוי, זעט מען אז ס'ווערט ניט דערציילט אז דער מנין הלוויים איז געוועזן אויך דורך נשיאי ישראל, ס'שטייט נאר אז ס'איז געוועזן דורך משה ואהרן, זעט מען דאך דערפון אז משה ואהרן האבן געקענט ציילן די לוויים אויך אן די נשיאים, איז פארוואס האט מען געדארפט האבן די נשיאים ביים מנין בנ"י, און אויב מ'דארף האבן די נשיאים צום מנין, איז פארוואס ווערט ניט דערציילט אז נשיאים האבן זיך משתתף געוועזן אין מנין הלוויים, און רש"י פארענטפערט דאס ניט (און דאס וואס רש"י זאגט כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו, איז דאך דאס א טעם מערניט אויף דעם וואס מ'האט זיי געציילט באזונדער)?

און כדי צו פארענטפערן אט די שאלות זאגט רש"י זיין פירוש אויף "אלה קרואי העדה" (וואס דאס איז דאך אדער דער המשך פון דעם אויבערשטנ'ס ציווי, אדער דאס איז א מאמר המוסגר וואס דער פסוק איז מבאר דעם טעם פארוואס האט מען זיי גערופן, דערפאר וואס "אלה קרואי העדה"), זיי זיינען "הנקראים לכל דבר חשיבות שבעדה", ד.ה. אז צו יעדער דבר חשוב וואס איז געוועזן אין די עדה האט מען זיי גערופן, איז וויבאלד אז דער ענין המנין איז געוועזן א דבר חשוב אין די גאנצע עדה, דערפאר האט מען זיי גערופן, אזוי ווי מ'רופט זיי צו יעדער דבר חשוב וואס איז דא אין די עדה.

- דערנאך -

הנחת הת' בלתי מוגה

דערנאך איז דער פסוק ממשיך "אשר נקבו בשמות", וואס דאס קומט זאגן אז אויסער דעם וואס זיי האבן געהאט די מעלה אז זיי זיינען געווען די נשיאים, האבן זיי געהאט נאך א מעלה "אשר נקבו בשמות".

והביאור בזה: דער בן חמש למקרא געדיינקט דאס וואס ער האט געלערנט פריער (ווארום ער שלאפט ניט ביי א פארברייינגען, עאכו"כ ווען ער לערנט חומש) "ראו קרא ה׳ בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה" (ויקהל לה, ל), און דערנאך זאגט ער "וימלא אותו רוח אלקים בחכמה בתבונה ובדעת ובכל מלאכה" (שם לא), וואס דערפון זעט מען אז בשעת ס׳איז דא אן ענין פון קריאת שם - ראו קרא ה׳ בשם - איז דאס אן ענין פון א נתינת כח מיוחדת, ע"ד ווי דאס איז דארטן אז קריאת השם פון בצלאל בן אורי איז געווען א ספעציעלע נתינת כח אויף דעם ענין פון בנין המשכן, ווי ער זאגט "וימלא אותו רוח אלקים .. ובכל מלאכה".

ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנדו"ד, דער פסוק זאגט "אשר נקבו בשמות", אז ביי זיי איז געווען דער ענין פון קריאת השם, אז דער אויבעדשטער האט זיי אנגערופן ביים נאמען, וואס דאס מיינט א נתינת כח מיוחדת אויף דעם ענין פון מנין בנ"י (ביי בצלאל איז געווען די נתינת כח אויף דעם ענין פון בנין המשכן, און דא איז געווען די נתינת כח אויף דעם ענין המנין), וואס דאס איז וואס דער פסוק זאגט "אשר נקבו בשמות", וואס דערמיט איז דער פסוק מדגיש אז אויסער די מעלה וואס זיי האבן געהאט אלס נשיאי ישראל, האבן זיי געהאט נאך א מעלה וואס מ׳האט זיי גערופן ביים נאמען, אז מ׳האט זיי געגעבן א נתינת כח אויף מנין בנ"י.

ס׳איז אבער ניט פארשטאנדיק, מילא בנוגע צו דעם וואס מ׳זאגט "ראו קרא ה׳ בשם בצלאל וגו׳", וואס דארטן האט דאך משה געדארפט אויסקלייבן בצלאל פון אלע אידן, אז ער זאל זיך פארנעמען מיט מלאכת המשכן, האט משה געזאגט צו אידן אז פארוואס קלייבט ער אוים דוקא בצלאל׳ן, דערפאר וואס "ראו קרא ה׳ בשם בצלאל", אבער דא געפינט מען דאך ניט אז משה זאל זאגן צו אידן אז ער נעמט די נשיאים דערפאר וואס דער אויבערשטער האט זיי אנגערופן בשם, איז וואס איז נוגע צו זאגן "אשר נקבו בשמות"?

אויף דעם זאגט רש"י "אשר נקבו <u>לו</u>", אז דאס האט דער אויבערשטער געזאגט נאר צו משה׳ן, און דאס איז טאקע ניט אזוי ווי ס׳איז געווען ביי בצלאל, אז משה האט געזאגט צו אלע אידן ראו קרא ה׳ בשם בצלאל, נאר "אשר נקבו <u>לו</u>", דאס האט דער אויבערשטער געזאגט משה׳ן, אז זיי האבן נאך א מעלה - אויסער די מעלה אז זיי זיינען די נשיאים - נקבו בשמות.

וואס דאס איז אויך וואס רש"י איז מדייק "אשר נקבו לו <u>כאן</u> בשמות", אז זייער מעלה וואס נקבו בשמות, איז דאס נאר כאן - נאר בנוגע צו מנין בנ"י, די מעלה אז זיי זיינען נשיאי ישראל, דאס האבן זיי געהאט אויך פריער, אבער כאן - בנוגע צו מנין בנ"י איז ביי זיי צוגעקומען נאך א מעלה און א נתינת כח "אשר נקבו בשמות".

עד"ז דאס וואס דער פסוק זאגט "ראשי אלפי ישראל המה", דערמיט קומט דער פסוק זאגן נאך א מעלה וואס זיי האבן געהאט אויסער דעם וואס זיי זיינען קרואי העדה, אז זיי זיינען געווען שרי אלפים, וואס דערמיט וועט זיין נאכמער פארשטאנדיק פארוואס האבן זיי א שייכות צו מנין <u>כל</u> בנ"י (ניט נאר פון זייער שבט) כדלקמן.

אין דעם ענין פון שרי אלף איז דא א פרש"י תמוה: אין פ׳ יתרו (יח, כא) אויף "שרי אלפים שרי מאות שרי חמישים שרי עשרות" זאגט רש"י "שרי אלפים הם היו שש מאות שרים לשש מאות אלף, שרי מאות שש אלפים היו,

- שרי -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

שרי חמישים י"ב אלף, שרי עשרות שישים אלף", וואס לכאו׳ איז ניט פאר-שטאנדיק צוליב וואס דארף רש"י מאכן דעם חשבון וויפל שרים זיינען געווען?

מפרשים (הגה"ה בפרש"י שם) ווילן זאגן אז רש"י קומט פארענטפערן א שאלה, פארוואס רעכנט אויס דער פסוק פריער שרי אלפים דערנאך שרי מאות וכו׳ – מן המרובה אל המועט, לכאו׳ דארף זיין דער סדר פארקערט, מן המועט אל המרובה? און אויף דעם זאגט רש"י אז דאס איז טאקע מן המועט אל המרובה, ווארום שרי אלפים זיינען געווען די ווייניקסטע, מערניט ווי שש מאות שרים, דערנאך זאגט ער שרי מאות, וואס זיי זיינען געווען מער, ששת אלפים היו, דערנאך נעכמער שרי חמישים – י"ב אלף, און שרי עשרות – שישים אלף, במילא קומט דאך אויס אז דאס איז טאקע מן המועט אל המרובה.

מ׳קען אבער ניט זאגן אז דאס קומט רש"י צו פארענטפערן, ווארום עפ"י פשש"מ איז דאס ניט קיין קושיא, ווארום ס׳איז דא אמאל וואס מ׳רעכנט אויס מן המרובה אל המועט, אזוי ווי אין אונזער פרשה ווען ער ציילט וויפל אידן זיינען געווען אין יעדער שבט, זאגט ער פריער דעם מספר האלפים, דערנאך מספר המאות, און דערנאך מספר העשרות – מן המרובה אל המועט, איז דאך ניט קיין קושיא פארוואס רעכנט ער פריער שרי אלפים וכו׳.

וואס דערפאר דארף מען זאגן אז רש"י קומט באווארענען דעם פשט פון שרי אלפים וכו׳, וואס אין דערויף קען מען דאך זאגן אויף צוויי אופנים: א) אויף יעדער אלף איז געווען א שר, ד.ה. אז דער שר רעכנט זיך ניט צווישן די אלף, נאר ער איז נוסף אויף די אלף, ב) פון יעדער אלף איז געווען איינער וואס ער איז געווען דער שר האלף, ד.ה. אז דער שר איז צווישן די אלף.

וואס בפשטות וואלט מען געזאגט ווי דער אופן הא׳, און דאס קומט רש"י שולל זיין דערמיט וואס ער זאגט "הם היו שש מאות שרים לשש מאות אלף", וואס בשעת מ׳ווייסט אז ס׳איז געווען שש מאות שרי אלף לשש מאות אלף, איז פארשטאנדיק אז דער פשט פון א שר אלף איז, אז יעדער אלף האט געהאט פון צווישן זיך א שר, וואס דוקא דעמולט איז דער חשבון מדויק אז צו שש מאות אלף דארף מען האבן שש מאות שרי אלף, אבער אויב מ׳וועט זאגט אז דער שר איז חוץ פון די אלף, דעמולט דארף זיין ווייניקער פון שש מאות, עד"ז בנוגע צו שרי מאות חמישים ועשרות.

איז בשעת מ׳גיט א קוק אין אונזער פרשה וויפל אידן זיינען געווען אין יעדער שבט, זעט מען דאך אז ס׳איז ניט געווען דער מספר פון אלפים בשלימות, נאר אין יעדער שבט איז געווען כו"כ אלפים, און כו"כ מאות, איז בנוגע צו די גאנצע אלפים, איז געווען אויף יעדער אלף א שר אלף (פון די אלף גופא), אבער בנוגע צו די מאות וואס איז געבליבן נוסף אויף די אלפים איז ווי האבן זיי געהאט א שר האלף?

עד"ז איז די קושיא בנוגע צו שרי מאות, ווארום ס׳איז דאך געווען א שבט וואס דער מספר המאות איז אויך ניט געווען בשלימות נאר ס׳איז געווען "וחמישים", איז ווי האבן זיי געהאט א שר המאה?

עד"ז איז די קושיא אויך בנוגע צו שרי חמישים, ווארום דער מספר פון אידן "שש מאות אלף", איז געווען ארויסגייענדיק פון מצרים (בא יב, לז), וואס דעמולט האט מען געמאכט די שרי אלפים וכו׳, און אין דעם מנין וואס איז געווען "באחד לחודש השני בשנה השנית", איז מספר בנ"י געווען "שש מאות אלף ושלשת אלפים וחמש מאות וחמישים" (א, מו), ד.ה. אז ס׳איז צוגעקומען נאך שלשת אלפים חמש מאות וחמישים אידן (און אין פשש"מ ווייסט מען ניט צי דעמולט האט מען ממנה געווען נאר שרי אלפים וכו׳ צי ניט),

- איז -

איז בשעת מ׳זאגט אז ס׳איז צוגעקומען אין א פאלק כו"כ מענטשן, איז דאך נים דער טייטש אז אין דעם שבט איז צוגעקומען און אין דעם שבט איז נים צוגעקומען, נאר בפשטות איז צוגעקומען אין <u>אלע</u> שבטים, קומט דאך אויס אז דער שבט וואס האט געהאט אין <u>דעם</u> מנין אויך א מספר פון חמישים, איז בשעת יצי"מ (ווען ס׳איז געווען ווייניקער) האט דער שבט געהאט אויך א קלענערן מספר פון חמישים, ווערט דאך די שאלה ווי האבן זיי געהאט א שר חמישים?

מוז מען דאך זאגן אז מ׳האט מצרף געווען אויך פון אנדערע שבטים, אז בשעת דער שבט האט געהאט א מספר פון מאות וואס איז נים צוגעקומען צו אלף, האט מען מצרף געווען פון א צווייטן שבט און פון א דריטן שבט ביז ס׳איז געווארן אלף, און דער שר האלף זייערער איז געווען א שר פון איין שבט, און א שר אויך אויף אידן פון א צווייטן שבט וכו׳, וואס דערפון זעט מען די מעלה פון א שר אלף וואס ער האט א שייכות נים נאר מיט די אידן פון זיין שבט, נאר ער האט א שייכות אויך מיט אידן פון א צווייטן שבט.

וואס דערפאר שטייט דא אין פסוק "ראשי אלפי ישראל המה", וואס דאס ברייננגט ארויס נאכמער זייער מעלה, אז זיי זיינען געווען נים נאר די נשיאים פון די שבטים (וואס א נשיא האט א שייכות נאר מיט <u>זיין</u> שבט), נאר זיי זיינען געווען שרי אלפים, וואס א שר אלף האט א שייכות אויך מיט אנדערע שבטים כנ"ל.

וואס דאס גיט צו א תוספת ביאור אויף דעם וואס די נשיאים האבן זיך משתתף געווען אין דעם מנין בנ"י, נים נאר פון זייער שבט נאר פון <u>אלע</u> אידן, וואס דאס איז דערפאר וואס זיי זיינען אויך געווען שרי אלפים, און א שר אלף האט דאך א שייכות נים נאר צו זיין שבט נאר אויך צו אן אנדער שבט (נוסף אויפן טעם הנ"ל אז זיי זיינען די וואס נקראים לכל דבר חשיבות שבעדה).

ס׳בלייבט נאך אלץ שווער בנוגע צו מנין בני לוי, פארוואס ווערט נים דערציילט אין פסוק אז די נשיאים האבן זיי אויך געציילט. און אויך: אפי׳ דער נשיא פון די לוויים גופא, אלעזר בן אהרן, וכמש"כ (ג, לב) "ונשיא נשיאי הלוי אלעזר בן אהרן הכהן" - שטייט אויך נים אז ער האט זיך משתתף געווען אין דעם מנין; דער מנין איז געווען בלויז ע"י משה ואהרן? וכפי שיתבאר לקמן.

ו. בנוגע צו דעם ביאור פארוואס ווערט ניט דערציילט אז מ'האט גענומען אויך די נשיאים אויף'ן מנין פון שבט לוי, איז דער ביאור בזה:

- נאך -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

נאך דעם וואס ס׳איז געווען דער ציווי מ׳זאל נ<u>יט</u> ציילן די לוויים צוזאמען מיט אידן, ווי רש"י זאגט כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו, איז געווען נאך א ציווי - "פקד את בני לוי וגו׳" (ג,טו), און פאר דעם שטייט "ונתתה את הלווים לאהרן ולבניו נתונים נתונים המה לו מאת בני ישראל" (ג,ט), ד.ה. אז מ׳האט <u>אדויסגענומען</u> די לוויים פון אלע אידן, אז זיי זאלן זיין נתונים לאהרן ולבניו, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז די נשיאים פון אלע אידן מוז׳ן ניט זיין ביים מנין הלוויים, ווארום די לוויים זיינען דאך העכער פון אלע אידן, וואס דערפאר שטעלט זיך ניט רש"י אויף דעם וואס ס׳ווערט ניט דערציילט אז זיי זיינען אויך געווען ביים מנין הלוויים *).

און דאס וואס מ׳האט ניט גענומען אלעזר בן אהרן הכהן וואס ער איז געווען נשיא נשיאי הלוי, איז מובן דערפון וואס דער פסוק זאגט "ונשיא נשיאי הלוי...פקודת שומרי משמרת הקדש", ד.ה. אז דאס וואס ער איז געווען נשיא נשיאי הלוי, איז דאס געווען ניט אין אלע ענינים, נאר אין דעם ענין פון "שומרי משמרת הקדש", אז ער איז געווען א נשיא נאר בנוגע צו די עבודות המשכן, און דערפאר ווען ס׳האט זיך גערעדט וועגן ציילן די לוויים, האט מען ניט גענומען אלעזר׳ן נאר אהרן׳ן.

וואס-דערפאר דארף רש"י (ג,לט) זאגן "נקוד על אהרן, לומר שלא הי׳ במנין הלווים", אז דאס איז ניט ווי ס׳איז געווען ביי די שרי אלפים אז זיי זיינען געווען פון דעם אלף, און ביי מנין בני ישראל האט מען זיי אויך געציילט, נאר אהרן איז ניט נמנה געווארן צוזאמען מיט די לוויים.

און דאס וואס מ׳זאגט אז בני ישראל זיינען געווען שש מאות אלף, איז אין דערויף נכלל אויך משה ואהרן, ווארום ער זאגט דאך אין תניא (פל"ז) אז כללות ישראל זיינען שישים רבוא נשמות, וואס די שישים רבוא זיינען שרשים, און דערפון ווערן שישים רבוא ניצוצות וכו׳, ובפרט ווי ס׳איז מבואר (אוה"ת במדבר ע׳ א׳תפג) אז דער מספר פון שישים רבוא איז דאס דער ענין פון שם הוי׳, ווי דער וא"ו איז כלול מיו"ד ה׳ פעמים, היינו: יו"ד פעמים יו"ד וכו׳. איז וויבאלד אז דער מספר פון שישים רבוא איז פארבונדן מיט כללות נשמות ישראל, ווערן אין דערויף אויך נכלל משה ואהרן. וואס דאס איז דאך אויך וואס ס׳שטייט אין כתבי האריז"ל (הובא בלקו"ת בדכה צה,א) אז ס׳איז דא שישים רבוא פירושים אין תורה, וואס דאס איז כנגד שישים רבוא נש"י.

די הוראה דערפון אין עבודת האדם איז, אז ביי יעדערן איז דא דער כהן לוי וישראל, ווארום מ׳זאגט דאך אז דער אדם איז אן עולם קטן (תנחומא פקודי ג), און ואת העולם נתן בלבם (קהלת ג,יא) וכמבואר בארוכה אין לקו"ת פרשתינו (ה,ב), וואס דערפאר איז דא ביי יעדערן דער כהן לוי וישראל, ווארום פונקט ווי דאס איז בנוגע צו תורה, אז ס׳איז דא אוריין

- תליתאי -

---

*) ואף שבפ׳ נשא (ד, לד. מו) מסופר שגם נשיאי ישראל השתתפו במנין הלוויים, הנה -

י"ל בב׳ אופנים: א) הוספה בהסיפור ע"ד <u>הציווי</u>. ב) הוספת משה מעצמו (ע"ד שנמצא בכ"מ - גם בחה"ש) ובזה מתודץ <u>בפשטות</u> שלא נזכר זה כלל בפ׳ במדבר. ג) <u>עוד</u> מנין. וכו׳ ואכ"מ.

תליתאי, אעפ"כ האט מען אפגעגעבן די גאנצע תורה צו יעדער איד, עד"ז בנוגע צו עמא תליתאי, אז ביי יעדערן איז דא דער כהן לוי וישראל, און ס'איז דא דער ענין המניך, און דאס ווערט אויפגעטאן דורך די נשיאים, און בנוגע צו שבט לוי זאגט מען אז דאס איז א לגיון בפני עצמו.

וואס דאס איז אז בשעת ער האלט אין עבודת התפלה, וואס דעמאלט איז ער דאך כעבדא קמי' מרי', דעמאלט דארף ער ניט טראכטן וועגן קיין אנדער זאך, אפי' ניט וועגן די מבצעים, עד"ז בנוגע צו לימוד התורה, אז בשעת ער לערנט תורה, דארף ער ניט טראכטן וועגן אן אנדער זאך, נאר ער דארף וויסן אז ס'איז ניטא קיין שום זאך, אויסער די תורה און דער וואס לערנט די תורה.

וואס דאס איז שלא כדעת הטועים אז עבודת התפלה איז אן ענין וואס איז געווען שייך אמאל, אן ענין פון למפרע, וכידוע תורת הבעש"ט אויף הקורא את המגילה למפרע לא יצא (כש"ט הוספות כד, א), און ער טוט זיך אן אין אזיידענע זשופיצע פון אן אלטן חסיד פון דעם אלטן רבי'ן, אז אזוי ווי ער איז ניט קיין מציאות פאר זיך, די גאנצע מציאות זיינע איז דאס וואס ער איז דעם אלטן רבי'נס א חסיד, איז וויבאלד אז ער הערט אז די רביים מאנען הפצת המעיינות, במילא טוט ער נאר אין הפצת המעיינות.

- א ישיבה בחור דארף וויסן אז ער לערנט אין דעם רבי'נס ישיבה, דעם רבי'ן דעם שווער'ס ישיבה, דעם רבי'ן נ"ע'ס ישיבה, דארף ער היטן סדרי הישיבה, און מחוץ לסדרי הישיבה דארף ער טאן אין הפצת היהדות און אין הפצת המעיינות בפרט, און ער האט גענוג זמנים פנויים אויף טאן אין הפצת המעיינות, און הלואי וואלט מען אויסגעניצט די זמנים הפנויים און מ'וואלט געטאן אין הפצת המעיינות כדבעי, וואלט מען שוין לאנג איינגענומען די גאנצע וועלט, און מ'וואלט געבראכט משיח'ן, און ס'וואלט זיין דער יבנה מקדש במקומו ויקבץ נדחי ישראל, דארף מען אויסניצן די זמנים הפנויים, און ניט אין אן אופן אז ס'זאל שטערן צו בריאות הגוף, נאר אנשטאט ליינען א צייטונג זאל ער גיין טאן אין הפצת המעיינות.

און וויבאלד אז ער לערנט אין דעם רבי'ן דעם שווער'ס ישיבה און אין דעם רבי'ן נ"ע'ס ישיבה, דארף ער וויסן אז ער איז ניט קיין בעה"ב אויף זיין צייט, דאס באלאנגט צום רבי'ן, וואס ער איז דער ממלא מקום - ער פילט אן דעם גאנצן ארט - פון דעם אלטן רבי'ן, פון דעם בעש"ט, ביז משיח צדקנו וואס קאתי מר מלכא משיחא

און בשעת ער לערנט תורה, דארף ער וויסן אז ער דארף זיין אין דערויף אינגאנצן, און ניט אז ער זאל טראכטן וועגן ווען ער וועט שוין גיין טאן אין הפצת המעיינות, ארעד אז ער זעט א טאנק, לויפט ער גלייך צום טאנק, נאר בשעת ער לערנט דארף ער ליגן אין דערויף אינגאנצן, וכידוע די שיחה פון רבי'ן נ"ע (תורת שלום ע' 39 ואילך) אז א פנימי איז דער וואס בשעת ער טוט איין זאך, ליגט ער אין דערויף אינגאנצן, און ער טראכט ניט וועגן אן אנדער זאך.

- און -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

און אזוי ווי דאס איז בנוגע צו די וואס תורתם אומנתם (סיי בחורים און סיי בעלי בתים) - יששכר, אזוי איז דאס אויך בנוגע בעלי עסקים - זבולון, וואס ס'איז דא אזוינע וואס האבן זיך איינגערעדט אז ניט זיי מיינט מען, ווארום ער איז ניט שייך צו זיצן און לערנען, זיין קאפ ליגט אין מסחר האט ער ניט קיין רואיקע קאפ צו לערנען תורה, און ער ברענגט נאך א ראי' פון דעם וואס אביי האט געזאגט (עירובין סה, א) אם אמרה לי אם קריב לי כותחא וואלט ער שוין ניט געקענט לערנען תורה ווי ס'דארף צו זיין, ווארום דאס וואלט אים מבלבל געווען, וואס דאס רעדט זיך וועגן אביי, וואס ער איז געווען א ראש ישיבה, און האט געהאט א גוטע קאפ, און אעפי"כ האט ער געזאגט אז ווען דאס וואלט אים מבלבל געווען וואלט ער ניט געקענט לערנען תורה ווי ס'דארף צו זיין, איז דאך עאכו"כ ער, וואס ער דארף מפרנס זיין בני ביתו, און ער איז פארנומען אין מסחר, און דוקא א פאר-דרייטער מסחר, א פראגראם וואס דארף ארום דרייען זיך גאנץ וואשינגטאן מיט סיטי-האל, איז מילא אמאל ווען מ'האט ניט געדארפט האבן א קארפעט וואל טו וואל וכו', האט מען נאך געקענט לערנען תורה, אבער איצטער ליגט זיין קאפ אין מסחר און ער קען ניט לערנען תורה, טענה'ט ער אז ניט אים מיינט מען, ווארום ער ווייסט דאך זיין מעמד ומצב.

אויף דערויף זאגט מען אים אז ער דארף וויסן אז ס'דארף זיין תורתך קבע ומלאכתך עראי, אעפ"י אז עפ"י שו"ע לערנט ער מערניט ווי דריי פיר שעה א טאג, און אויף עניני מסחר גיט ער אפ צוויי מאל אזוי פיל צייט, איז אבער מלאכתך עראי, און תורתך קבע, ד.ה. אז וואו לעבט ער און וואו פרישט ער זיך אפ וכו', איז דאס אין תורה, און די מלאכה איז מערניט ווי עראי, און ער דארף וויסן אז אים מיינט מען.

און ווי ער זאגט אין תניא (פכ"ט) אז ווען הלל הזקן איז געגאנגען עסן, האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים אז ער גייט גומל חסד זיין מיט די עלובה, ועד"ז דארף זיין אויך בא יעדערן אז עניני העולם וואס ער טוט דארף דאס זיין אין אן אופן אז ער איז גומל חסד מיט די עלובה. ואעפ"י אז דאס זאגט מען דאך אויף הלל הזקן, אעפי"כ וויבאלד אז דאס שטייט אין תניא, וכידוע אז די רביים האבן געמאנט אז מ'זאל לערנען תניא יעדער טאג (ספה"ש קיץ ה'ש"ת ע' 144 ועוד), איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דאס איז א הוראה צו יעדער איד.

און דאס וואס ער טענה'ט אז ער האט ניט קיין קאפ צו לערנען תורה, איז דאך ידוע דאס וואס דער רבי הער שוזער האט אמאל געענטפערט א סוחר, אז ווען מ'וואלט אים געזאגט אז ער פארשטייט ניט אין מסחר עצים, וואלט דאס אים זיכער אנרירן, עד"ז דארף זיין בנוגע צו תורה.

און דאס וואס ער טענה'ט אז ער דארף האבן פרנסה, אויף דעם זאגט מען אים אז ס'שטייט אם בחוקתי תלכו, דעמולט וועט זיין דער ונתתי גשמיכם בעתם, און ווי רש"י זאגט אז דאס מיינט כשתהיו עמלים בתורה, ניט סתם לערנען תורה נאר הארעווען אין תורה. און מ'זאגט אויף דעם אם בחוקתי

- הלכו -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

תלכו, וואס אם איז מלשון בקשה, און ניט נאר בקשה, נאר ווי די גמ׳ (ע"ז ה, א) זאגט איך אם אלא לשון תחנונים, ד.ה. אז דער אויבערשטער בעט זיך און איז זיך מתחנן אז מ׳זאל זיין עמלים בתורה, און ניט אז דאס איז תלוי אין זיין שטימונג, אז ווען ער האט אזא שטימונג טוט ער אין מבצעים, און ווען ער האט אזא שטימונג דאוונט ער באריכות, און ווען ער האט אזא שטימונג לערנט ער תורה.

און דוקא דעמולט ווערט ונתתי גשמיכם בעתם, אז ער באקומט אלץ וואס ער דארף האבן, און דאס איז בעתם, וכפשוטו, אז דער רעגן שטערט אים ניט צו גיין אקערן זיין פעלד, ווארום דער רעגן גייט בעתם, ווערט ער ניט נאס פון אים, און ער האט אלע ברכות, ביז צו ונתתי שלום בארץ, וואס השלום שקול כנגד הכל (רש"י עה"פ), ביז אז ס׳ווערט דער ואולך אתכם קוממיות - בקומה זקופה, נאך אין די לעצטע טעג פון גלות, ובעיקר וועט דאס זיין בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.